# געצל מאַלפּע

.1

מײַנע ליבע מענטשן, עץ רעדט װעגן נאָכמאַכן? כ׳האָב געקענט אַ נאָכמאַכער, מ׳האָט אים גערופן געצל מאַלפּע. ר׳האָט געװױנט בײַ אונדז אין שטאָט. יעדע יאָרן האָט יעדער געהאַט אַ צונאָמען, כאָטש נגידים האָט מען געשױנט. דער געצל איז גראָד געװען מער גביר פון יענעם װאָס ר׳האָט נאָכגעקרימט, אָבער װאָס איז די קונץ פון נאָכטאָן עמיצן און נאָכפּלאַפּלען װי אַ פּאָפּוגײַ? יענער, דעם װאָס ער האָט נאָכגעטאָן יעדעס פּיצל, האָט געהײסן טודרוס בראָ־דער. אַ שײנער נאָמען, האַ? ער אַלײן איז נאָך געװען שענער װי דער נאָמען: הױך װי אַ ריז, ברײטבײניק, מיט אַ שװאַרצער באָרד צוגעשױרן װי בײַ אַ פּריץ, מיט אַ פּאָר שװאַרצע אױגן װאָס אַז זײ האָבן דיך אָנגעקוקט, האָבן זײ אָפּגעבריט. כ׳װײס װאָס כ׳רעד. כ׳בין דעמאָלט געװען אַ מײדל, אַ שײן מײדל דערצו, אָבער אַז ער האָט אױף מיר געטאָן אַ קוק מיט זײַנע פײַערדיקע אױגן, איז ממש, נישט זינדיקן זאָל איך, אַדורך אַ שױדער דורכן לײַב. מיט אַזױנע בליקן, אַז מ׳איז אַ נישט־פאַרגינער, קאָן מען לײַכט געבן אַן עין־הרע. באַהיט און באַשירעמט זאָל מען װערן פון אַ בײז אױג. אָבער טודרוס בראָדער האָט קײנעם נישט געדאַרפט מקנא זײַן. ער איז געװען געזונט װי אַ גיבור, געהאַט אַ שײן װײַב, צװײ ליכטיקע טעכטער, פּרינצעסינס, און געפירט האָט ער זיך װי אַ מאָנאַרך. ער האָט זיך שױן געפירט צו ברײט. ר׳האָט זיך פאַרשװינדלט איבערן קאָפּ; אָבער װער האָט אים נישט געלאָזט שפּאָרן? אַ גובערנאַטאָר האָט זיך אַזױ נישט צעװאָרפן. אַרומגעפאָרן אין אַ קאַרעטע מיט

אַ סטאַנגרעט. ר׳האָט געהאַט אַ קאָלעס אויך. אַז ס׳איז אים געפעלן, איז ער גאָר געריטן איבער דער שטאָט אויף איינעם פון זיינע פערד, גליך ווי אַ ווירע, אַפילו נישט געהאַלטן די לייץ. אַ קאָזאַק רייט נישט בעסער. מיט אַלע פריצים איז ער כל־ולך. גראַף זאַ־מאָיסקי איז געקומען צו אים פרייטאָג־צו־נאַכטס אויף געהאַקטע פיש. פורים האָט ער אים געשיקט שלח־מנות, און וואָס, אַ שטיי־גער, שיקט זאַמאָיסקי שלח־מנות? צוויי פאַוועס, אַן ער און אַ זי.

דער ביינאָמען איז געווען בראָדער, אָבער געשטאַמט האָט טודרוס גאָר פון גרויספוילן. פויליש האָט ער גערעדט ווי אַ פריץ און רוסיש — ווי אַ קאַצאַפּ. ר׳האָט געקאָנט דייטש און פראַנצייזיש אויך. וואָס האָט ער נישט געקאָנט? אַפילו שפּילן אויף פאָר־טעפּיאַן. ר׳איז געגאַנגען מיט זאַמאָיסקין אין די וועלדער אויף געיעג און געשאָסן אַ וואָלף. אַז דער קייסער איז געקומען אין זאַ־מאָשטש און די גרעסטע לייט זענען אים אַקעגנגעקומען מיט אַ טאַץ ברויט־מיט־זאַלץ, — ווער האָט גערעדט מיטן קייסער? טודרוס בראָדער. אַז ר׳האָט אַרויסגעזאָגט צוויי ווערטער, האָט דער קייסער זיך צעלאַכט. מ׳האָט דערציילט אַז ביידע האָבן שפּעטער געשפּילט שאָך ביים נאַטשאַלניק און טודרוס האָט געוווּנען. כ׳בין נישט גע־שטאַנען דערביי, אָבער ס׳האָט געקאָנט זיין אמת. מ׳האָט אים שפּע־טער צוגעשיקט פון פּעטערבורג אַ גאָלדענעם מעדאַל.

דער שווער זיינער, פאַליק פויזנער, איז געווען אַ גביר, און די טאָכטער, דבורהלע — אַ שיינהייט. זי׳ט געקראָגן אין יענער צייט צוואָנציק טויזנט רובל נדן. נאָכן פאָטערס טויט איז דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס אַריבער צו׳ן איר. אָבער מיינטס נישט אַז טוד־רוס האָט זי גענומען צוליב געלט. זי איז געפאָרן מיט דער מאַמען אין וואַרעמבאַד. מיט אַ מאָל איז ער אַריין אין וואַגאָן. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ בחור, אָדער אפשר אַן אַלמן. ר׳האָט געגעבן איין קוק אויף דעם מיידל און טוט אַ זאָג צו דער פאַליקיכע — אַזוי האָט מען זי גערופן — אַז ער וויל די טאָכטער פאַר אַ כלה. די

יידענע האָט שיער נישט אַוועקגעהלשט. מאָלט איך, ס'איז געשען מיט פופציק יאָר צוריק.

אָט דאָס איז געווען טודרוס בראָדער. טאַקע ווי מ'זאָגט: ליבע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי אים איז ליבע פון די גרינגע זאַכן. וויפל נעכט די דאָזיקע דבורהלע איז נישט געשלאָפן צוליב אים, אַזוי פיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן. אַ לאָוועלאַס, אַזוי האָט מען אים גערופן. מ'האָט געמאַכט אַ ווערטל, אַז ווען מען זאָל אָנטאָן אַ לאָפּעטע אַ קלייד, וואָלט ער זיך נאָך איר געיאָגט.

סיי ווי, דער געצל מאַלפּע, אָדער געצל ביילע איטעס, האָט זיך פאַרנומען נאָכצומאַכן טודרוס בראָדער מיט אַלצדינג. געצל איז געווען אַ רייך זינדל, נאָך רייכער פון טודרוסן, און קאַרג פאַר אַ צולאָג. טודרוס האָט פאַרמאָגט אַ פאָסעסיע נישט ווייט פון זאַ־מאָשטש. ר'האָט געהאַנדלט מיט וועלדער. ר'האָט געהאַט אַ שטאַל מיט פערד און די גרעסטע פּריצים זענען געקומען באַקוקן זיינע פערד. ר'האָט אויפגעגעסן דעם שווערס פאַרמעגן, דאָס איז געווען דער אמת. דער געצל, ווידער, האָט געהאַט אַ וואַסערמיל וואָס האָט געמאָלן גאָלד, נישט קיין מעל. אפשר איז דאָס וויניק, איז ער גע־וואָרן מיט דער צייט אַ וווכערער און אַ האַלבע שטאָט הייזער זענען אים געווען אָפּגעשריבן אויף היפּאָטעק. געהאַט האָט ער אייך אָפּגעציטערט טעכטערל, דישקע, און אַ ווייב רישע לאה, אַ מיאוסקייט און אַ קראַנקע דערצו. געצל האָט זיך אַזוי אָנגעקערט מיט טודרוס; ווי איך מיטן לובלינער גובערנאַטאָר. אָבער מ'האָט אָנגעהויבן מורמלען אין שטאָט אַז געצל פאַרמעסט זיך צו ווערן אַ צווייטער טודרוס. פריער האָבן געמאָטלט דערפון בלויז די ווילדע יונגען און די נייטאָרינס. ווער קוקט זיך אום אויף אַזוינע נאַרישקייטן? באשר ר'איז אַוועק צו זעליג שניידער און זיך געהייסן אויפנייען אַ גאַר־ניטור גלייך ווי טודרוסעס. שפּעטער האָט ער פאַרלאַנגט ס'אייגענע ביי לייב קירזשנער: אַ פוטער ווי טודרוסעס מיט אַ פוקסענעם קאָלנער, אַ פּעטל און באַהאַנגען מיט ווײַדלען. דערנאָך האָט ער באַשטעלט ביים שוסטער אַזוינע שטיוול ווי טודרוסעס, מיט נידע־

ריקע כאַלעוועס און גלאַנציקע נעז. זאַמאָשטש איז נישט וואַרשע. מ׳ווייסט וואָס ס׳קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל. וואָס איז די קונץ פון נאָכקריכן יענעמס פוסטריט? מ׳האָט אָפּגעטראָגן די זאַך טודרוסן און ער ווערטלט זיך: מיך אַרט נישט; ס׳אַ צייכן אַז ער האַלט פון מיין מבינות. דער טודרוס האָט קיין מאָל אויף קיינעם נישט געלאָזט פאַלן קיין שלעכט וואָרט. יעדער יידענע האָט ער גערופן דאַמע. אַז ר׳האָט שפּאַצירט אויף דער לובלינער גאַס און ס׳איז פאַרביי אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, האָט ער פאַר איר גע־הויבן דעם קאַפּעליוש. ווען אַן אַנדערער טוט דאָס, האַלט מען אים פאַר אַ נאַר; אָבער אַ קלוגער מעג זיך באַנאַרישן. אויף חתונות האָט ער זיך פאַרשנאָשקעס און געבראָקט אַזוינע וויצן אַז מ׳האָט געמיינט ער איז דער בדחן, נישט קאָפּעלע ווענגראָווער. אַז טודרוס האָט געטאַנצט אַ קאָזאַק, האָבן די ווענט געציטערט.

נו, האָט געצל ביילע איטעס זיך פאַרלייגט צו ווערן אַ צווייטער טודרוס. געווען איז ער אַ נידעריקער, קיילעכיק ווי אַ פעסל און אַ שטיקל שטאַמלער דערצו. איידער ער ברענגט אַרויס אַ וואָרט, קאָן מען חלשן. די שטאָט האָט געהאַט פון וואָס צו שפּעטן. ר׳האָט איינגעהאַנדלט אַ קאַרעטע אויך, נישט מער, ס׳איז אַ פּיצעלע קאַטשעלע און די פערד זענען פגירהס. דער שמייסער איז אַ טויבער יאַש. געצל פאָרט פון מאַרק צו דער מיל און פון מיל צום מאַרק. ער פּרוּווט שוין אַראָפּנעמען ס׳היטל פאַרן אַפּטייקערס וויב, נאָר איידער ער הייבט אויף אַ האַנט, איז שוין יענע אין אַפּטייק. מ׳האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. די באַדיונגען האָבן נישט לאַנג געוואַרט און אים אַ נאָמען געגעבן מאַלפּע.

געצלס וויב, די רישע לאה, איז טאַקע, ס׳זאָל איר נישט זיין צו קיין גנאי, געווען אַ מרשעת, אָבער אַ שלוי שטיק, און ס׳איז געוואָרן צווישן זיי אַ מחלוקת. ס׳האָבן נישט געפעלט אַזוינע וואָס האָבן געלוישט ביי נאַכט הינטערן לאָדן אָדער געקוקט אין שליסל־לאָך. די רישע לאה טענהט צו אים: דו קאָנסט אַזוי ווערן טודרוס ווי איך קאָן ווערן אַ מאַנסביל. מאַכסט פון דיר ס׳גענאַר. טודרוס

איז טודרוס און דו בלייב געצל. אָבער ס׳איז, אַ פּנים, געוואָרן ביי אים אַן אַמביציע אָדער מאַנקאָליע. ווער ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אָפּ ביי יענעם אין קאָפּ? ער׳ט געגומען רעדן ווי אַ גרויס־פּוילישער און אַריינמישן דייטש: מעדכען, שמעדכען, גרעטכען. ער׳ט זיך דערוווּסט וואָס טודרוס עסט, וואָס ער טרינקט, וואָסערע, פּראָמיסיאָן, גאַטקעס ער טוט אָן. ער׳ט זיך געטשעפּעט צו ווייבער אויך. מיינע ליבע קינדער, אַזוי ווי ס׳איז יענעם אַלץ געראָטן, אַזוי גייט אים אַלץ קאַפּויער. ער זאָגט אַ וויץ און קריגט אַ פּלעם. אויף אַ חתונה פּרוּווט ער מאַכן אַ וויבל דעם הויף און דער מאַן גיסט אים אָפּ מיט אַ טעלער יויך. טאַנצן טאַנצט ער ווי אַ בער. געצלס מיידל — דישקע האָט זי געהייסן — נעמט וויינען און ביטערן: טאַטע, מ׳טייטלט אויף מיר מיט די פֿינגער. איין טודרוס — זאָגט זי— איז גענוג. אָבער ס׳שטייט ערגעץ אין אַ ספֿר אַז יעדע זאַך קאָן ווערן אַ משוגעת. געצל טרעפֿט טודרוסן אין גאַס און זאָגט: פּאַניע בראָדער, כ׳וויל אָנקוקן אייער מעבל. פּראָשע באַרדזאָ, און ער פֿירט אים אַריין צו זיך אין סאַליע. ר׳האָט וויל געוווּסט אַז ער וויל מאַכן אַ קאָפּיע, אָבער וואָס אַרט עס אים? דער דבורהלען — טודרוסעס ווייב — האָט עס יאָ פֿאַרדראָסן.

ווו האַלט איך, האַ? יאָ, נאָכגעמאַכט. געצל פּרוּווט נאָכרעדן טודרוסעס קול, ווערן אַ שמעלקע מיט די פּריצים און זייערע ווײַ־בער. ער׳ט אַלץ אויסשטודירט, יעדעס ברעקל. געצל האָט קיין מאָל נישט גערייכערט. מיט אַ מאָל נעמט ער רייכערן ציגאַרן אין אַ ציַ־גאַרן־שפּיץ לענגער פֿון אים. ער שרייבט אויס אַ גאַזעט פֿון פּעטערבורג. טודרוסעס מיידלעך האָבן שטודירט אין אַ פּענסיאָן און געצל וויל שיקן אַהין דישקען אויך, אָבער ס׳מיידל איז שוין צו אַלט. זי וויל נישט. די רישע לאה האָט געמאַכט אַ געוואַלד, קוים זיך אָפּגעבעטן. וואָלט דער געצל געווען אַן אָרעמאַן, וואָלט מען אים געלייגט אין חרם אַריין. אָבער ר׳איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. טודרוס האָט אַ לאַנגע צייט, ווי מ׳זאָגט, געמאַכט אַ גוטע מינע צו דער בייזער שפּיל. אָבער ס׳איז אים אויך געוואָרן איבערדריסיק.

.2

איצט הערט אַ מעשה. אין איינעם אַ טאָג הייבט זיך אויף די רישע לאה און שטאַרבט. פון וואָס זי איז געשטאָרבן אָסור צי כ׳וויס. היינט לויפט מען צו דאָקטוירים. דעמאָלט איז מען געוואָרן שלאָף און מ׳איז געגאַנגען אַ גאַנג. אפשר זיך אויפגעגעסן לעבעדיקער־הייט. געשטאָרבן — באַגראָבן. דער געצל נעמט זיך נישט שטאַרק צום האַרצן, זיצט שבעה און ווערטלט זיך גלייך ווי טודרוס. די טאָכטער האָט ער געהאַט פאַרקנסט. באַלד נאָך די שלושים נעמט מען באַוואַרפן געצלען מיט שידוכים, אָבער ער איילט זיך נישט. ס׳גייט אַוועק אַ פיר וואָכן און אין שטאָט איז אַ האַרמידער. טודרוס בראָדער האָט אָנגעזעצט. ר׳האָט געהאַט אָנגעבאָרגט געלט ביי אלמנות און יתומים. כלות האָבן אים אַוועקגעטראָגן די נדנים ס׳זאָל אָנוואַקסן פראָצענט. ר׳איז שולדיק געלט פריצים אויך און איינער אַ פריץ קומט צו רייטן און וויל אים שיסן מיט אַ פיסטויל. דבורהלע וויינט און חלשט. די מיידלעך באַהאַלטן זיך אין אַ קעמערל. זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעטודירט. ס׳וויזט זיך אַרויס אַז טודרוס איז שולדיק געצלען אַ גרויסע סומע. אַ היפּאָטעק אָדער כ׳וויס וואָס. ר׳האָט אויסגעשטעלט וועקסלען אויך. געצל קומט צו טודרוסן און קלאַפּט מיטן שטעקן. ר׳האָט געהאַט איינגעהאַנדלט פונקט אַזאַ שטעקן ווי טודרוס, מיט אַ זילבערנער ציוועקע און אַ בורשטינערן אויער. דער טודרוס לאַכט, אָבער ס׳איז אים ביטער אין פּופּיק. מ׳וויל אים די בעבעכעס אַרויסשטעלן, צערייסן אויף שטיקער. ווייבער רופן אים: גזלן, רוצח, מערדער. כלות ליאַרמען: וואָס האָסטו געטאָן מיט אונדזער נדן? און מ׳וויינט ווי אין יום־כיפור. כ׳האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען: טודרוס האָט געהאַט אַ הונט, גרויס ווי אַ לייב, און געצל האָט געקראָגן אַ קאַפּיע. אַפילו דער רימען איז דער איינענער. געצל ברענגט דעם הונט און ביידע חיות ווילן זיך איינשלינגען. מ׳ווערט טויב פון דעם געביל. מיט אַ מאָל רוימט אייך געצל עפּעס טודרוסן אין אויער. זיי שליסן זיך אָפּ אין אַ קאַנ־

טאָר און בלייבן פֿאַרשלאָסן צוויי שעה. אין דער צייט האָט מען שיער ס׳הויז נישט צעטראָגן. טודרוס קומט אַרויס, בלאַס ווי דער טויט. געצל איז אין גאַנצן דערשוויצט. ער טוט אַ רוף צו די קרעדיטאָרן:

— מאַכט נישט קאַ׳ געוואַלדן. איכל צאָלן די חובות. כ׳האָב איבערגענומען פֿון טודרוס בראָדער אַלע געשעפֿטן.

מ׳האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויערן. וואָס ליגט זיך דאָס מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? אָבער געצל טוט אַ נעם אַרויס דעם טייסטער. ס׳איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער טודרוסעס טייסטער; אַ זאַמשענער טאַש, אַ לאַנגער, אַ טיפֿער, מיט אַ קופּערנעם שלאָס. נישט מער, טודרוסעס איז ליידיק און דער איז אָנגעפּאַקט מיט פּאַפּירן־געלט. געצל נעמט גלייך צאָלן אויפֿן אָרט. טייל איז ער מסלק אַלץ, אַנדערע בלויז אַן אַדערויף. אָבער מ׳ווייסט אַז געצל איז קוראַנט. טודרוס קוקט און שווייגט. דבורהלע קומט צו זיך און שמייכלט דורך די טרערן. די מיידלעך קריכן אַרויס פֿון באַהעלטעניש. די הינט האָבן זיך שוין אויך עפּעס אויסגעגלייכט און זיי באַשמעקן זיך שוין און שאָקלען מיט די ווידלען. ווי האָט עפּעס געצל צונויפֿגעשאַרט אַזוי פֿיל מזומנים? אַ סוחר ליגט געווינטלעך אַריין ס׳געלט אין געשעפֿט. געצל צאָלט און צאָלט. סוחרים קריגן נישט אַלץ. ער פֿאַרגלייכט זיך. עפּעס האָט ער אויפֿגעהערט שטאַמלען און ער רעדט שוין טאַקע אויף אַן אמת ווי טודרוס. דער טודרוס האָט געהאַט אַ בוכהאַלטער, מ׳האָט אים גערופֿן דער קאַסירער, און ער ברענגט אַרויס אַ שטשאָט מיט אַ גאַנצן שטויס ביכער. טודרוס איז שוין ווידער האָפֿערדיק. ער שמייכלט, וויצלט זיך. ער נעמט אַ גלעזל משקה און איז מכבד געצלען. ביידע טרינקען לחיים.

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברייען? געצל האָט אַלץ איבערגענומען. טודרוס בראָדער הייבט זיך אויף און פֿאָרט אַוועק מיטן ווייב און די טעכטער קיין לובלין. זיי נעמען מיט די דינסטן אויך. מ׳האָט

גערעכנט אַז זיי ציען זיך אַרויס און געצל ווערט דער אייגנטימער פון הויז, אָבער פאַר וואָס נעמען זיי נישט לכל הפחות ס'בעטגע־וואַנט? דאָס טאָר קיין בעל־חוב נישט צונעמען. דריי חדשים הערט מען נישט פון זיי. געצל פאָרט שוין אין טודרוסעס קאָטש מיט טודרוסעס אָנטרייבער. ער איז אויסגעקאָכט מיט די גויים און די פריצים. נאָך דריי חדשים קומען צוריק דבורהלע מיט די טעכטער. ס'איז זיי נישט צו דערקענען: אָפּגעצערט ווי נאָך אַ שלאָפקייט. מ'פרעגט דבורהלען אויפן מאַן און זי זאָגט פראָסט און פשוט: כ'האָב נישט קאַ' מאַן. — חלילה אַן אומגליק? — פרעגט מען, און זי ענטפערט: נייק, מיר'ן זיך געגט.

ס'ווערט געזאָגט: דער אמת קומט קאָפּויר ווי בוימל אויפן וואַסער און אַזוי איז געשען דאָ. אין יענע פאָר שעה ווען געצל און טודרוס האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין דעם קאַבינעט, האָט טוד־רוס אַלץ אָפּגעטראָטן געצלען: ס'הויז, ס'גוט, ס'גאַנצע פאַרמעגן און ס'נייב פאַר אַ צולאָג. יאָ דבורהלע האָט חתונה געהאַט מיט געצלען. געצל האָט איר געגעבן אַ תוספות־כתובה אויף צען טויזנט גילדן און איר אָפּגעשריבן ס'הויז, טאַקע איר אייגן הויז. פאַר די טעכטער האָט ער אַוועקגעלייגט ביי אַ שליש נדנים. ער און טודרוס האָבן געהאַט געשריבן אַ קאָנטראַקט וועגן אַלץ.

וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין שטאָט, קאָן מען נישט איבערגעבן. ווער ס'האָט דעמאָלט נישט געוווינט אין זאַמאָשטש ווייסט נישט ווי אַ שטאָט קאָן גיין אויף רעדער. מ'וואָלט געקאָנט דערפון אָנ־שרייבן אַ בוך. נייק, נישט איין בוך, נאָר צען ביכער. מ'הערט דאָך אַפילו נישט אַזוינע זאַכן ביי גויים און פריצים. אָבער דאָס איז טודרוס. ער'ט געשפּילט און פאַרשפּילט. ווי לאַנג ס'האָט געקלעקט האָט ער זיך געלאָזט ווויליגין. דערנאָך האָט ער אַלץ אָפּגעטראָטן און איז אַוועק. די שטאָט האָט געזאָטן ווי אַ קעסל. אָבער ווי לאַנג קאָן אַ שטאָט זיך קאָכן וועגן פרעמדע עסקים? יעדער האָט זיין פעקל זאָרגן. דער טודרוס האָט, אַ פּנים, געקאָנט גיין אין קרימינאַל.

די פריצים וואָלטן אים אפשר צו רעכט געמאַכט. ס'לעבן איז ביל־כער. מ'האָט גערעדט אַז געצל האָט אַלץ געוווּסט פאָרויס, אַלץ אַליין צוגעגרייט. ער'ט אונטערגערוקט טודרוסן אַ הלוואה, אים אַריינגע־נאַרט אין אַ פּאַסטקע. מ'האָט גאָר קיין מאָל נישט געהערט דער געצל זאָל זיין אַזוי קלוג. אָבער ווי זאָגט מען דאָס? אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם.

טודרוסעס מיידלעך האָבן באַלד חתונה געהאַט. די דישקע, געצלס טאָכטער, איז אַוועק ווייגען צו שווער און שוויגער קיין קירה. זי'ט זיך געשעמט צו ווייזן ס'פּנים אין גאַס. די דבורהלע איז כמעט נישט אַרויס אין דרויסן. זי'ט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. טודרוסעס הויז האָט געהאַט אַ גאָרטן מיט אַן אַלטאַנע און דאָרט איז זי געזעסן זומער און געלייענט דייטש. ווינטער האָט זי זיך גלאָט אויסבאַהאַלטן. מענטשן האָבן געוואָלט ביי איר אַרויסקריגן דעם אמת, נאָר די דינסט האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. טודרוס בראָדער איז פאַרשווּנדן ווי אַ שטיין אין וואַסער. טייל האָבן גע־שמועסט אַז ער איז אין לעמבערג, טייל — אין וואַרשע, אַנדערע האָבן אַרויסגעדרונגען אַז ער'ט געביטן ס'רענדל און חתונה געהאַט מיט אַ באַראָנעסע. ווער קאָן וויסן? ווען אַ ייִד איז קאַפּאַבל צו פאַרקויפן ס'ווייב אויף אַזאַ שטייגער, איז ער סיי ווי קאַ' ייִד נישט. די דבורהלע האָט אים ליב געהאַט און מ'האָט געהאַלטן אין שטאָט אַז זי'ט אַלץ געטאָן אים צו באַשיצן. מאָלט אייך אויס, אין די אַלע יאָרן האָט קיינער מיט איר נישט געקאָנט רעדן וועגן דעם. ראש־השנה און יום־כיפור איז זי געשטאַנען אויף דער שטאָט ביי דער קראַטע און געשוויגן. ס'איז געבליבן אין איר דער שטאָלץ.

דער געצל איז געוואָרן טודרוס. ר'ט געקראָגן זיין לשון, זיינע ניקן, זיין גאַנג. ער איז געוואָרן עפּעס העכער אויך, אָדער אפשר האָט ער אַריינגעלייגט קאָרקעס אין די שטיוול. ר'איז געוואָרן פאַנ־בראַט מיט דער שליאַכטע. מ'האָט געזאָגט אַז ער טרינקט מיט זיי נסך. ער'ט אויפגעהערט שטאַמלען און גענומען רעדן פּויליש ווי אַ זייעריקער.

די דישקע האָט קיין מאָל צום פּאָטער נישט געשריבן. וועגן טודרוסעס טעכטער האָב איך געהערט אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין גוטן סוף. איינע איז געשטאָרבן אין אַ קימפּעט. די אַנדערע זאָל זיך גאָר האָבן אויפגעהאָנגען, נישט פאַר קיין שום ייִדישער טאָכטער געדאַכט. כ׳האָב געקענט געצלען. כ׳האָב אַלץ צוגעזען מיט די אייגענע אויגן, די גאַנצע קאָמעדיע פון אָנהייב ביזן סוף. יאָ, דער סוף. מ׳טאָר נישט יענעם נאָכמאַכן. אַז מ׳מאַכט יענעם נאָך, קריגט מען יענעמס מזל. אַפילו מיטן שאָטן טאָר מען זיך נישט שפּילן. אַ יונגערמאַן אין זאַמאָשטש פלעגט זיך שפּילן מיטן שאָטן. ער׳ט צונויפגעלייגט מיט די הענט אַן אָפּבילד פון אַ באָק מיט הערנער און דער באָק האָט מיקלאָמפּערשט געשטויסן און גע־געסן היי. אין איינער אַ נאַכט איז דער שאָטן אַראָפּ פון דער וואַנט און אים געטאָן אַ שטויס מיט אַ פּאָר אמתע הערנער. ר׳האָט אים געמאַכט צוויי לעכער אין שטערן.

געצל האָט נישט געדאַרפט קיין פרעמדע געלטער. ר׳האָט גע־ליען אָפּגעשפּאָרטע געלטער ביי אלמנות, יתומים, ווו נאָר ר׳האָט געקאָנט צונויפקראַצן אַ גראָשן. ציגזן האָט ער געצאָלט הויכע. מ׳האָט נישט באַדאַרפט איבערבויען די מיל. ס׳מעל איז געווען ווייס ווי שניי. אָבער ר׳האָט איבערגעבויט די מיל, אַריינגעשטעלט נייע וואַלצן, נייע בייטלען. ר׳האָט איינגעקויפט אַ פּאָלוואַרק ביי אַ פּריץ. ער׳ט שוין געהאַט אַ שטאַל מיט פערד אויך. פריער פלעגט געצל זיך האַלטן ביי ייִדישקייט. איצט, אַז ר׳האָט זיך אָנגעטאָן אַ קורצן שפּענצער און שטיוולעטן, איז ער שוין נישט געקומען אין שול אַריין אַחוץ אויף די ימים־נוראים. דער אַלטער מילנער האָט צוגעמאַכט אַן אויג. געצל האָט געדונגען אַ נייעם מילנער מיט אַ פּאָר לאַנגע וואָנסן, אַ געוועזענעם עקאָנאָם ביי אַ פּריץ, און יענער האָט אים, אַ פּנים, אויסגעמאַכט אַן אויער. אפשר איז דאָס ווייניק, האָט געצל זיך פאַרנומען מיט בויען אַ ברויהויז און פאַרזעצן די פעלדער מיט האָפּן. ער׳ט עס געדאַרפט ווי אַ לאָך אין קאָפּ.. ס׳האָט אָפּגעקאָסט אַן אוצר. ער׳ט אַראָפּגעבראַכט מאַשינען ווער ווייסט פון וואַנען און

זיי האָבן געמאַכט אַ רויש אַז מ׳האָט נישט געקאָנט שלאָפן ביי נאַכט. אַלע פאַר וואָכן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. ווער קאָן וויסן וואָס ס׳איז געשען? צען שונאים טוען נישט דעם מענטש אַזוי פיל בייז וויפל ער טוט זיך אַליין. אין איינעם אַ טאָג הערט מען אַז געצל האַלט ביי באַנקראָט. מיינע ליבע מענטשן, ער׳ט נישט געדאַרפט אַנזעצן. ער׳ט גאַנץ פשוט נאָכגעטאָן טודרוסן. ר׳האָט געהאַט איבערגענומען יענעמס שלימזל. אין שטאָט איז געוואָרן אַ געפילדער. מ׳איז זיך אָנגעלאָפן פון אַלע גאַסן און געהאַקט שויבן. געצל האָט נישט געהאַט קיין נאָכקרימערס. קיינער באַגערט נישט זיך אַלט ווייב. די דבורהלע איז געווען אַ זקנה, עלטער פון געצלען מיט היפשע עטלעכע יאָר. געצל שווערט אַז ער׳ט אַלעמען אָפּגעבן צו דער פרוטה, אָבער ער כאַפּט פעטש. ס׳קומט אַ פּריץ און שטעלט אים צו דעם פּיסטויל צום שטערן, אַקוראַט ווי פריער טודרוסן. וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? געצל הייבט זיך אויף אין דער נאַכט און מאַכט פליטה.

אַז ר׳איז אַוועק, האָבן די בעלי־חובות אַלץ איבערגענומען און ס׳וויזט זיך אַרויס אַז ס׳קלעקט פאַר אַלעמען. ס׳פאַרמעגן זיינס איז ווערט געווען ווער ווייסט וויפל. וואָס זשע איז ער אַנטלאָפן? וווהין איז ער אַנטלאָפן? טייל האָבן געזאָגט אַז דער גאַנצער באַנקראָט איז אַן אָנשטעל. ר׳האָט אַ געליבטע אין וואַרשע. אָבער צו וואָס דאַרף אַן אַלטער ייִד אַ נקבה? ס׳איז געווען נאָכצוטאָן טודרוסן. ווען טודרוס וואָלט זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט וואָלט געצל זיך אויך אויסגעגראָבן אַ קבר.

מ׳האָט אַלץ צעכאַפּט, אַלץ צעשלעפּט. ס׳איז אַפילו נישט פאַר־בליבן פאַר דער דבורהלען קיין שטיקל ברויט. זי איז אַוועק ווינען אין הקדש. איך בין שוין דעמאָלט נישט געווען אין שטאָט. מיינע שונאים זאָלן האָבן אַזאַ עלטער.

וואָס איז געוואָרן פון געצלען? וואָס איז געוואָרן פון טודרוסן? קיינער ווייסט נישט. עמיץ האָט אויסגעקלערט אַז זיי האָבן זיך ער־

געץ געטראָפן אין אַ האַרבעריק. אָבער צו וואָס? טודרוס האָט שוין מסתמא נישט געלעבט. די דישקע האָט געפּרוּווט קריגן ירושה, נאָר די בעלי־חובות האָבן אַלץ צעפרעסן ווי אַ היישעריק. כ׳זאָג עס קעגן דעם: אַ מענטש דאַרף זיין וואָס ער איז. אַלע מאַליערן פון דער וועלט נעמען זיך דערפון, וואָס איינער וויל נאָכמאַכן דעם אַנדערן. היינט האָט מען עס אַ נאָמען געטאָן מאָדעס. איין הולטיי אין פּאַריז טראַכט אויס אַ קלייד מיט אַ שלעפּ פון פאָרנט, און אַלע טוען נאָך ווי די מאַלפּעס. ס׳גאַנצע היינטיקע דור.

כ׳האָב אַ מעשה מיט אַ צווילינג אויך, אָבער דאָס איז נישט קעגן נאַכט געדאַכט. אַזוינע האָבן קאָ׳ ברירה נישט. ס׳איז צוויי גופן און איין נשמה. בײדע זענען געשטאָרבן אין איין טאָג, איינע אין זאַמאָשטש און איינע אין קאָוולע. ווער ווייסט? ס׳קאָן זיין אַז ווען מ׳טוט יענעם נאָך, קריגט מען יענעמס נשמה. כ׳האָב מורא פאַרן שאָטן. כ׳קוק נישט אויף אים. אַ שאָטן איז אַ שונא. אַז ר׳האָט אַ געלעגנהייט, נעמט ער נקמה...

יצחק באַשעוויס

# מעשיות פון הינטערן אויוון

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

1971 — תשל״א

ISAAC BASHEVIS SINGER

# MAYSES FUN HINTERN OYVN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

יצחק באַשעוויס־זינגער

# מעשיות פון הינטערן אויוון

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

פאָרטרעט געצייכנט פון מיכאל מילבערגער

©

נדפס בישראל תשל״א

נדפס בישראל תשל״א
Printed in Israel 1970

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב